**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................6:46
מוצאי יו"ט.......................8:15

**שיעורים כסדרן**
נ"ך............דברי הימים-א ד'-ה'
בבלי..........................ביצה ט"ז
ירושלמי.........................-
תוספתא....................יומא ד'
רמב"ם...........שמיטה ויובל ז'

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

יום כיפור, שנת תשפ"ב לפ"ק — שנה 11, גליון 2 (517)

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ.**

עֶס קוּמְט דֶער גְרוֹיסֶער טָאג יוֹם כִּיפּוּר, דֶער הֵיילִיגְסְטֶער טָאג פוּן יָאר, אַלֶע אִידְן פַּאסְטְן, דַאוֶּונֶען, אוּן טוּעֶן תְּשׁוּבָה, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אוּנְז פַארְזִיגְלֶען אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

חֲזַ"ל זָאגְן (תַּעֲנִית כ"ו:) "לֹא הָיוּ יָמִים טוֹבִים לְיִשְׂרָאֵל כַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב וּכְיוֹם הַכִּיפּוּרִים", יוֹם כִּיפּוּר אִיז זֵייעֶר אַ פְרֵיילִיכֶע טָאג, אַ טָאג וָואס מִיר זֶענֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר אִיז אוּנְז מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת.

מְ'דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז יוֹם כִּיפּוּר אִיז אַ יוֹם טוֹב, אוּן מְ'דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ יוֹם טוֹב. עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁפִּירְן אוּם יוֹם כִּיפּוּר אַבִּיסְל אַזוֹי וִוי תִּשְׁעָה בְּאָב, ווִיבַּאלְד מְ'פַּאסְט אוּן מְ'גֵייט אָן שִׁיךְ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז סְ'אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין פַארְגְלַייךְ, יוֹם כִּיפּוּר אִיז נִישְׁט קַיין צַייט פוּן טְרוֹיעֶר אוּן אֲבֵלוּת חַס וְשָׁלוֹם, נָאר עֶס אִיז אַ פְרֵיילִיכֶע טָאג וֶוען מִיר וֶוערְן אוֹיסְגֶעוַואשְׁן אוּן רֵיין פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת.

יוֹם כִּיפּוּר הֶערְשְׁט גָאר אַ גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן אִין הִימְל, מְ'קֶען דֶעמָאלְט פוֹעֶלְ'ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מְ'ווִיל, דִי הִימְלֶען זֶענֶען אָפְן, אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶוערְן אַזוֹי הֵיילִיג ווִי דִי מַלְאָכִים, אוּן דֶער שָׂטָן קֶען גָארְנִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין. חֲזַ"ל זָאגְן (מִדְרָשׁ תְּהִלִּים, מִזְמוֹר כ"ז) "הַשָּׂטָן" אִיז בְּגִימַטְרִיָּא 364, וַוייל אִין 364 טֶעג אַ יָאר הָאט דֶער שָׂטָן רְשׁוּת מְקַטְרֵג צוּ זַיין, אָבֶּער אוּם יוֹם כִּיפּוּר, דֶער 365'סְטֶע טָאג, קֶען עֶר נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין, אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶער טָאג זֵייעֶר מְסוּגָּל צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס שְׁוֶועריְקֵייטְן מִיט וָואס מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ, אוּן מְ'וֶועט זִיכֶער פוֹעֶלְ'ן אַלֶע יְשׁוּעוֹת וָואס מֶען ווִיל.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם הֵיילִיגְן טָאג ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיט שִׂמְחָה אוּן גֶעשְׁמַאק זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ זִיס לִיכְטִיג יָאר.

אִין לוֹיף פוּנֶעם הֵיילִיגְן טָאג יוֹם כִּיפּוּר, וֶוערְט מֶען גֶעוֶוענְלִיךְ אָפְּגֶעשְׁוַואכְט פוּנֶעם תַּעֲנִית, אוּן מְ'הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּפִיל צוּ בֶּעטְן. דֶערְפַאר אִיז אַ גוּטֶע עֵצָה אָנְצוּהוֹיבְּן שׁוֹין פוּן בַּיינַאכְט, וֶוען מְ'אִיז נָאכְנִישְׁט הוּנְגֶערִיג, אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט מִיט אַסַאךְ תְּפִלּוֹת אוּן בַּקָּשׁוֹת, אוּן דִי זֶעלְבֶּע קֶען מֶען טוּן אִינְדֶערְפְרִי נָאךְ פַארְ'ן דַאוֶונֶען, וֶוען מְ'אִיז נָאךְ פְרִישׁ, דֶעמָאלְט זִיךְ אוֹיסְצוּגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶע גוּטֶע רְצוֹנוֹת וָואס מְ'הָאט, אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מְ'ווִיל, אוּן שְׁפֶּעטֶער אִין לוֹיף פוּנֶעם טָאג, צוּם בֵּיישְׁפִּיל בַּיי דִי הַפְסָקוֹת צְווִישְׁן דִי תְּפִלּוֹת, קֶען מֶען אַרַיינְכַאפְּן צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה.

אֵיינֶע פוּן דִי שִׂמְחוֹת פוּן יוֹם כִּיפּוּר, זָאגְן חֲזַ"ל (תַּעֲנִית ל':), אִיז דָאס אַז מְ'הָאט דֶעמָאלְט גֶעגֶעבְּן דִי צְוֵוייטֶע לוּחוֹת. קוּמְט אוֹיס אַז יוֹם כִּיפּוּר אִיז אוֹיךְ דָא אַן עִנְיָן פוּן קַבָּלַת הַתּוֹרָה, אוּן כָאטְשׁ וָואס סְ'אִיז נִישְׁטָא צוּפִיל צַייט אוּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אַזוֹי סַאךְ אִין דֶעם טָאג, הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָבֶּער אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט, דֶערִיבֶּער אִיז גוּט אַרַיינְצוּכַאפְּן צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל תּוֹרָה אִין דֶעם הֵיילִיגְן טָאג, אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער עִיקָּר אִיז דֶער רָצוֹן אוּן דֶער ווִילְן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ ווַייזְט אַרוֹיס אַז עֶר ווִיל זַיין גוּט אוּן ווָאוִיל אוּן עֶרְלִיךְ.

דֶער עִיקָּר דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס הַארְץ זָאל זִיךְ שׁוֹין עֶפֶענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים ו', ו') וְהָיוּ הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם עַל לְבָבֶךָ", אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, דִבְרֵי תּוֹרָה, חִיזוּק אוּן הִתְעוֹרְרוּת, אָבֶּער אַלֶעס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אִים, עֶס לִיגְט אוֹיף זַיין הַארְץ, עֶס גֵייט אָבֶּער נִישְׁט אַרַיין טִיף אִין הַארְץ אַרַיין, דָאס הַארְץ אִיז פַארְשְׁטָאפְּט אוּן נֶעמְט נִישְׁט אַרַיין אִין זִיךְ דִי הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים. דֶערְפַאר קְלַאפְּט מֶען אוֹיפְ'ן הַארְץ בַּיים זָאגְן "אָשַׁמְנוּ" אוּן "עַל חֵטְא", ווִי אֵיינֶער קְלַאפְּט אוֹיפְ'ן טִיר אוּן בֶּעט מְ'זָאל אִים אַרַיינְלָאזְן, מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס עֶר אִיז דֶער "פּוֹתֵחַ שַׁעַר לְדוֹפְקֵי בִתְשׁוּבָה", אַז עֶר זָאל שׁוֹין עֶפֶענֶען אוּנְזֶער הַארְץ, מִיר זָאלְן אָנְנֶעמֶען דִי רֵייד פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס ווִילְן אוּנְז נָאר גֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, זֵיי ווִילְן אוּנְז בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ זִיס לִיכְטִיג יָאר, מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת. (שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ לְיוֹם הַכִּיפּוּרִים)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### לָאמִיר תְּשׁוּבָה טוּן

חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא פה:): וָואס מֵיינְט אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה? אַז וֶוען עֶס קוּמְט אִים אוּנְטֶער צוּ טוּן אַן עֲבֵירָה אֵיין צְווֵיי מָאל, אוּן עֶר טוּט עֶס נִישְׁט". וֶוען עֶס קוּמְט אִים אוּנְטֶער דִי זֶעלְבֶּע פְרוֹי, אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ צוּרִיק פוּן טוּן דִי עֲבֵירָה, דָאס אִיז אַ רִיכְטִיגֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה.

דָאס אִיז אַ שְׁטַארְקֶע חִיזוּק פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אָפּ אַז עֶס אִיז שׁוֹין גֶענוּג גֶעוֶוען מִיט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אוּן עֶר ווִיל זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, צוּ זַיין פוּן יֶעצְט ווָאוִיל אוּן עֶרְלִיךְ אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דַאן זַיין עִיקָּר פְּרָאבְּלֶעם אַז עֶר ווֵייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי עֶס צוּ טוּן, אוּן אוֹיבּ טוּט עֶר עֶס נִישְׁט אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, וֶועט עֶס נָאר אָנְהַאלְטְן פַאר אַ קוּרְצֶע צַייט אוּן עֶר וֶועט נָאכְדֶעם צוּרִיק פַאלְן.

אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז כְּדֵי צוּ תְּשׁוּבָה טוּן דַארְף עֶר טוֹישְׁן זַיין גַאנְצְן סֵדֶר, עֶר דַארְף זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי אַרְבֶּעט, אַוֶועק גֵיין פוּן זַיין סֵדֶר הַיּוֹם, אוּן טוֹישְׁן זַיין גַאנְצֶע סֵדֶר אִין לֶעבְּן וָואס עֶר הָאט גֶעהָאט בִּיז יֶעצְט, אוּן זִיךְ אַרַיין זֶעצְן אִין שׁוּל נָאר צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אוּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָן דִי מִינְדֶערְסְטֶע שַׁייְכוּת מִיט סֵיי וֶועלְכֶע גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע זַאכְן.

דָאס אִיז אָבֶּער זֵייעֶר אַן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע זַאךְ, דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טוּן, אוּן דָאס קֶען זֵייעֶר גְרִינְג צֶעפַאלְן נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט. דֶערְפַאר לֶערְנֶען אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל: "מִיט דִי זֶעלְבֶּע פְרוֹי, דִי זֶעלְבֶּע צַייט, אוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ", דָאס מֵיינְט אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען וַוייטֶער לֶעבְּן מִיט זַיין ווַייבּ אוּן מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, עֶר קֶען וַוייטֶער לֶעבְּן אוֹיף זַיין פְּלַאץ, אוּן עֶר קֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט זַיין צַייט, מִיטְ'ן זֶעלְבֶּע סֵדֶר הַיּוֹם ווִי בִּיז יֶעצְט, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם קֶען מֶען אוֹיךְ אַזוֹי תְּשׁוּבָה טוּן.

וֶועט דָאךְ אַ מֶענְטְשׁ פְרֶעגְן, אַז אוֹיבּ אַלֶעס בְּלַייבְּט דִי זֶעלְבֶּע ווִי בִּיז יֶעצְט, ווִי אַזוֹי טוּט מֶען דֶעמָאלְט תְּשׁוּבָה? וָואס דַארְף מֶען יָא טוּן צוּ זַיין אַן אֱמֶת'ער בַּעַל תְּשׁוּבָה? דֶער עֶנְטְפֶער אוֹיף דֶעם זָאגְן מִיר דִי וָואךְ אִין דִי הַפְטוֹרָה, נָאר אֵיין זַאךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ טוּן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן. דֶער פָּסוּק

<<<<<<

## א גוט ווארט

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג זִיךְ אַרוֹיסְצוּרַייסְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכט): "אַז מֶען פַאלְט אִין אַ בְּלָאטֶע אַרַיין, שְׁרַייט מֶען, אוּן מֶע שְׁרַייט, אוּן מֶע שְׁרַייט".

הַלְוַאי זָאלְסְטוּ דָאס פְּרוּבִירְן, זִיךְ אוֹיסְקְרֶעכְצְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זָאג אִים דִי וֶוערְטֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן בְּלָאטֶע"; דִי פָאר וֶוערְטֶער זָאג נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, דָאס וֶועט דִיר אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן אַלֶע בְּלָאטֶעס. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה יִתְרוֹ תשפ"א)

**בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א**

# לָאז נִישְׁט נָאךְ, דַיין יְשׁוּעָה וֶועט אָנְקוּמֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

טֵייעֶרֶער ...., אִיךְ בֶּעט דִיר דֶערְהַאלְט זִיךְ, אִיךְ בֶּעט דִיר פוּן מַיין הַארְץ גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ. אִיךְ וֵוייס אַז דוּ בִּיסְט זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, דוּ וַוארְטְסְט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אוֹיף דַיין שִׁידוּךְ, דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעטוּן אַלֶע סְגוּלוֹת אוּן אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן, דוּ הָאסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ גְלֵייבְּן אַז עֶס גֵייט טַאקֶע גֶעשֶׁען, אַז דוּ גֵייסְט יָא טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ. דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר פוּן מַיין הַארְץ, בְּלַייבּ גְלֵייבְּן, בְּלַייבּ שְׁטַארְק, וֶוער צוּרִיק שְׁטַארְק; הָאבּ נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבּ נִישְׁט קַיין סְפֵיקוֹת אִין אֱמוּנָה, אִידִישֶׁע קִינְדֶער בְּלַייבְּן שְׁטַארְק אֲפִילוּ זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין.

דֶער הֵיילִיגֶער בֶּעלְזָא רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען עֶר אִיז גֶעזִיצְן שִׁבְעָה נָאךְ זַיין בְּרוּדֶער דֶער בִּילְגוֹרֵייעֶר רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אֵיינֶער פוּן דִי גְרוֹיסֶע רֶבִּי'ס, נָאכְן זָאגְן דֶעם נוּסַח "הַמָּקוֹם יְנַחֵם אֶתְכֶם" וְכוּ', הָאט עֶר צוּגֶעלֵייגְט: "מֶען זָאל נִישְׁט וִויסְן פוּן קַיין צַעַר", דֶער הֵיילִיגֶער בֶּעלְזָא רָב אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּקָאכְט אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "צַעַר?! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מְצַעֵר גֶעוֶוען"; עֶר הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט אַפָּאר מָאל: "צַעַר?! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נִישְׁט קַיין צַעַר".

דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִיקִים, בַּיי זֵיי אִיז אַלְץ גוּט, זֵיי גְלֵייבְּן אַזוֹי שְׁטַארְק (בְּרָכוֹת ס:): "כָּל מַה דְעָבֵיד רַחֲמָנָא לְטָב עָבֵיד"; אוּן דָאס אִיז דִי זַאךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר בְּרֶענְגְט דָאס אַרַיין אִין אוּנְז פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן, פַארְגְרֶעבְּטֶע אוּן מְגוּשָׁמְ'דִיגֶע מֶענְטְשְׁן, מִיר זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן אַן הַשָּׂגָה אִין אֵיידְלְקֵייט, מִיר זָאלְן וִויסְן אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ, לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ. מִיר פָארְן יֶעצְט צוּם רֶבִּי'ן, דָארְט וֶועסְטוּ פּוֹעֶלְ'ן דַיין שִׁידוּךְ, אָבֶּער גֶעדֶענְק, דָאס וֶועט נָאר גֶעשֶׁען אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט נָאכְלָאזְן, דוּ וֶועסְט אַרוּמְגֵיין פְרֵיילִיךְ, דוּ וֶועסְט זִיךְ אָנְטוּן שֵׁיין, פְרִישֶׁע וֶועשׁ; גֵיין אִין שׁוּל דַאוְוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב; זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן (כַּמְבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ע"ו); זַיין פְרֵיילִיךְ, נִישְׁט אַרוּמְגֵיין מִיט אַ זוֹיעֶרְקֵייט.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים תשפ"א)

>>>>>>

זָאגְט אוּנְז (הוֹשֵׁעַ י"ד, ג'): קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה' - אַ אִיד דַארְף עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי טוּט מֶען תְּשׁוּבָה.

אַ אִיד זָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל אָפְּלָאזְן אַלֶע מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִיר", "בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל פוּן הַיינְט אָן טוּן נָאר מִצְוֹת אוּן נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת", "בַּאשֶׁעפֶער זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטוּן גוּט בִּיז יֶעצְט, הֶעלְף מִיר אַז פוּן יֶעצְט זָאל אִיךְ שׁוֹין זַיין ווָאוִיל אוּן עֶרְלִיךְ". אוּן אַזוֹי וַוייטֶער קֶען יֶעדֶער זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף זַיין אֵייגְנאַרְטִיגֶע וֶועג, מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע גֶעפִילְן. אוּן וֶוען אַ אִיד וֶועט דָאס טוּן, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער אוֹיסְהֶערְן אוּן אִים דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ זִיךְ, עֶר וֶועט זִיכֶער תְּשׁוּבָה טוּן אוּן וֶוערְן אַן אֱמֶת'ער עֶרְלִיכֶער אִיד.

אִין אָנְהוֹיבּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמְט דָאס אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶר רֶעדְט צוּ דִי וַואנְט, עֶר פִּילְט וִוי קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט אַז עֶס זָאל זִיךְ עֶפֶּעס רוּקְן. מֶען דַארְף אָבֶּער גֶעדֶענְקֶן אַז מֶען הוֹיבְּט נִישְׁט אָן צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אֵיין טָאג, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן וֶוערְט זַיין מֹחַ אוּן הַארְץ פַארְשְׁטָאפְּט אוּן עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס קֶען זִיךְ אִים דַאכְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְט זִיךְ עֶרְגֶעץ וַוייט אוֹיבְן אִין הִימְל, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט בִּכְלָל נִישְׁט אוֹיס וָואס עֶר רֶעדְט צוּ אִים.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ אָבֶּער אוּן קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דֶעם, עֶר שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג, אֲפִילוּ נָאר אַפָּאר וֶוערְטֶער, וֶועט עֶר זִיכֶער צוּם סוֹף וֶוערְן אַן אֱמֶת'ער עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן עֶר וֶועט פִּילְן אִין דֶעם אַלֶע טַעֲמִים. עֶס גֵייט נִישְׁט אִיבֶּער נַאכְט, עֶס נֶעמְט צַייט, דֶער פָּסוּק זָאגְט אָבֶּער (תְּהִלִּים ל"ד, ט') טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה', פְּרוּבִּירְט עֶס אוֹיס וֶועט אִיר זֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס לֶערְנֶען אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל: "מִיט דִי זֶעלְבֶּע וַוייבּ" - דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דַיין וַוייבּ אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה צוּ קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן, נִישְׁט דַיין וַוייבּ שְׁטֶערְט דִיךְ פוּן צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְקֶערְט דַיין וַוייבּ וֶועט דִיר נָאךְ הֶעלְפְן צוּ זַיין עֶרְלִיךְ וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (יְבָמוֹת ס"ג.): "זָכָה - נַעֲשֵׂית לוֹ עֵזֶר, לֹא זָכָה - כְּנֶגְדּוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, שְׁטֵייט אִים דִי וַוייבּ צוּ הִילְף, אוּן אוֹיבּ עֶר אִיז נִישְׁט זוֹכֶה, אִיז זַיין וַוייבּ קֶעגְן אִים אוּן זִי שְׁטֶערְט אִים, זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מַאן, אוֹיבּ עֶר אִיז ווָאוִיל וֶועט אִים זַיין וַוייבּ נִישְׁט שְׁטֶערְן נָאר פַארְקֶערְט זִי וֶועט אִים נָאךְ מֶער צוּהֶעלְפְן צוּ וֶוערְן עֶרְלִיךְ אוּן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז זַיין וַוייבּ אִיז נָאךְ קֶעגְן אִים, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר דַארְף נָאךְ מֶער תְּשׁוּבָה טוּן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט שׁוֹין זַיין וַוייבּ זַיין מִיט אִים.

מֶען זֶעט בַּיי אָדָם הָרִאשׁוֹן, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "הָאסְטוּ גֶעגֶעסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַעַת?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי וַוייבּ וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן, זִי הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַעַת", זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ"י: "דָא זֶעט מֶען אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ כְּפוּי טוֹבָה", אוֹיבּ דוּ הָאסְט דִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטַארְקְן אוֹיף דַיין יֵצֶר הָרַע, אוּן דוּ הָאסְט גֶעגֶעסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַעַת, פַארְוָואס וַוארְפְסְטוּ אַרוֹיף דִי שׁוּלְד אוֹיף דַיין וַוייבּ? וֶוען דוּ וָואלְסְט מַסְבִּיר גֶעוֶוען פַאר דַיין וַוייבּ אַז מֶען טָאר נִישְׁט טוּן אַנְדֶערְשׁ וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, וָואלְט זִי מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן דִיךְ נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט, זֶעט מֶען אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וִויל אַלֵיין זַיין ווָאוִיל, וֶועט זַיין וַוייבּ אִים גָארְנִישְׁט שְׁטֶערְן.

אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אִין "דִי זֶעלְבֶּע צַייט" - אִין יֶעדֶע צַייט קֶען מֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע צַייט אִיז טַאקֶע אַנְדֶערְשׁ, אַמָאל קֶען מֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען, אַמָאל קֶען מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַמָאל דִינְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיטְ'ן זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן פוּן טוּן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, דֶער עִיקָר אִיז אַז מֶען זָאל נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגְן דִי צַייט.

אוּן אִין "דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעראַל, אוֹיף יֶעדֶע פְּלַאץ, אוּן דֶערְפַאר כְּדֵי צוּ תְּשׁוּבָה טוּן קֶען מֶען וַוייטֶער בְּלַייבְּן אוֹיפְ'ן זֶעלְבְּן פְּלַאץ אוּן אוֹיפְ'ן זֶעלְבְּן מַצָּב, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען נָאר עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוּן דָאס אִיז דִי וֶועג וָואס פִירְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

מֶען דַארְף אָבֶּער אוֹיךְ גֶעדֶענְקֶען אֵיינְס פוּן דִי וִויכְטִיגְסְטֶע יְסוֹדוֹת פוּן תְּשׁוּבָה, אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס רַחֲמָנוּת אִיז אָן קַיין גְרֶענִיץ. אוּן דֶערְפַאר, וָואסֶערֶע עֲבֵירוֹת אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר אָפְּגֶעטוּן, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאכְאַלְץ רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים אוּן עֶר קֶען נָאכְאַלְץ תְּשׁוּבָה טוּן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"א) אוֹיף דֶעם וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ אַז אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַז קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם פְּשַׁט אִין דֶעם זוֹהַר, נָאר עֶר, אוּן עֶר זָאגְט אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה אוֹיף דֶעם, אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט.

רֶבִּי נָתָן אִיז עֶס מַסְבִּיר (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת תְּפִלִּין, ה"ד, אוֹת ד') אַז דָאס אִיז דֶער נִסָיוֹן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַז עֶר דַארְף הֶערְן אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל זֶען וָואס דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט יֶעצְט טוּן. אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, אוּן אַזוֹי וִוי עֶר הֶערְט אַז הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה גִיבְּט עֶר אַלֶעס אוֹיף, דַאן וֶוערְט עֶר טַאקֶע פַארְפַאלְן פוּן בֵּיידֶע וֶועלְטְן. אוֹיבּ אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז קְלוּג אוּן עֶר וֵוייסְט אַז דָאס אִיז זַיין נִסָיוֹן, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ נָאר עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ צוּרִיק צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער אָנְנֶעמֶען זַיין תְּשׁוּבָה אוּן עֶר וֶועט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶערְפַאר, אוֹיבּ הֶערְט מֶען פוּן אֵיינֶעם, נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן וֶועם, אַז עֶס אִיז דָא אַמָאל אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע גָאר גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה וָואס אוֹיף דֶעם הֶעלְפְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, "אוֹיבּ דוּ הָאסְט גֶעטוּן דָאס אוּן דָאס, קֶענְסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן", דַארְף מֶען וִויסְן אַז יֶענֶער מֶענְטְשׁ אִיז נָאר אַ שָׁלִיחַ פוּנֶעם סַמַךְ-מֶם צוּ דֶערְוַוייטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען טָאר זִיךְ צוּהֶערְן צוּ אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעשְׁטֶעלְט קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיפְ'ן גַן עֵדֶן אוּן גֵיהִנֹם, צוּ קֶענֶען זָאגְן וֶוער עֶס גֵייט וואוּ. דֶערְפַאר קֶען קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ נִישְׁט זָאגְן וֶוער עֶס קֶען יָא תְּשׁוּבָה טוּן אָדֶער נִישְׁט, דָאס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס רַחֲמָנוּת אִיז אָן אַ שִׁיעוּר, אוּן עֶר נֶעמְט אָן יֶעדְן וָואס טוּט תְּשׁוּבָה.

רֶבִּי נָתָן אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אִין דִי סְלִיחוֹת טֶעג פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דֶער עִיקָר צוּ קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען דֶעמָאלְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין דָארְט גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף גַאנְץ עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה.

אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג אִיז עֶר אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן, אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט זַיין גַאנְצֶע הַארְץ, אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַדוּרְךְ, דֶער רֶבִּי הָאט אִים מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט גֶעוִויסֶע הַנְהָגוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, דֶערְנָאךְ הָאט אִים דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אוֹיפְ'ן גַאס פַאר אַ שְׁפַּאצִיר, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען.

אִינְצְוִוישְׁן הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיף גֶעלֵייגְט זַיין הֵיילִיג הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָנְ'ס אַקְסְל, אוּן אִים גֶעזָאגְט: "אוּן וַוייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַן אֱמֶתְ'ן גוּטְן פְרַיינְד!"

הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט, אַז דַאן הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט שׁוֹין זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וַוייל וָואס עֶס וֶועט נָאר אוֹיף אִים אַדוּרְךְ גֵיין, וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע וֶועט אִים וֶועלְן צוּבְּרֶעכְן, וָואסֶערֶע שְׁטֶערוּנְגֶען עֶר וֶועט נָאר הָאבְּן, וֶועט עֶר אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן.

וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס כַאפְּט זִיךְ בַּאצַייטְנְס וַוייל קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען זַיין צַייט, אַזוֹי וִוי ר' אֱלִיעֶזֶר הָאט גֶעזָאגְט (שַׁבָּת קנ"ג.) "טוּ תְּשׁוּבָה אֵיין טָאג פַארְ'ן שְׁטַארְבְּן" הָאבְּן אִים זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶעפְרֶעגְט, "מֶען וֵוייסְט דָאךְ נִישְׁט וֶוען מֶען גֵייט שְׁטַארְבְּן?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס הָאבּ אִיךְ טַאקֶע גֶעמֵיינְט, טוּ הַיינְט תְּשׁוּבָה, וַוייל אֶפְשַׁר מָארְגְן וֶועסְטוּ שְׁטַארְבְּן, אַזוֹי וֶועסְטוּ יֶעדְן טָאג תְּשׁוּבָה טוּן". (שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ עֶרֶךְ תְּשׁוּבָה חֵלֶק ח', י', י"ב)

>>>>>>

אן קיין געפילן, מ'קען נישט רעדן צום אייבערשטן געהעריג מסודר, זאל מען רעדן ווי אזוי עס זאל נאר זיין, דער עיקר איז אז מ'רעדט אפאר ווערטער צום אייבערשטן, און דאס ברענגט דעם מענטש צו אלע גרעסטע און העכסטע מדריגות.

א שיינע מלוה מלכה איז פארגעקומען אינעם בנין, נאכ'ן זינגען די זמירות האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט דיבורי התחזקות ווי אזוי אויסצונוצן די הייליגע טעג אין אומאן, אזוי ווי עס איז געווען א גרופע אנשי שלומינו וואס זייערע רענצלעך זענען נישט אנגעקומען מיט זיי קיין אומאן, האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט פון דעם ווי מ'זעט ווי פאר א מענטש איז זייער שווער אנצוגיין אן זיינע פעקלעך, מ'דארף האבן פרישע וועש און די איבריגע געברויכן צו קענען אנגיין, אבער נאך פיל מער דארף א מענטש זיכער אז ער קומט אן אויבן אין הימל מיט זיינע פעקלעך, מ'דארף זיך גוט אנגרייטן אויף די וועלט, מיט תורה און תפלה, מצות און מעשים טובים, וואס נאר דאס זענען די פעק און זעק וואס מ'נעמט זיך מיט נאך די הונדערט און צוואנציג יאר, און פון דעם וועט מען האבן גענוג עסן און קליידונג פאר די נשמה.

### זונטאג נצבים

זונטאג אין אומאן האט דער עולם אויסגענוצט די צייט ביים ציון הקדוש זיך צוצוגרייטן צו ראש השנה. די אומאן חדר איז אנגעגאנגען גאר שיין, די געטרייע מלמדים האבן געלערנט און געדאווענט מיט די תינוקות של בית רבן, און זענען געגאנגען מיט זיי צום ציון.

ווען די קינדער האבן געגעסן מיטאג, האט דער ראש ישיבה שליט"א זיי דערציילט א מורא'דיגע מעשה פון א איד וואס איז געקומען צום ציון מיט זיין קינד וואס האט נעבעך נישט געקענט גיין אויף די פיס, און דער טאטע האט אריינגעזעצט דאס קינד אין די שטויב פון ארום דעם ציון אום ערב ראש השנה פארנאכטס, און צו מנחה האט דאס קינד שוין געקענט גיין אויף די אייגענע פיס, (די מעשה איז געדרוקט אין "עצתו אמונה פאר קינדער" יום כיפור תשפ"ב), און מיט דעם האט דער ראש ישיבה מחזק געווען די קינדער אז זיי זאלן בעטן ביים ציון אלעס וואס זיי דארפן, און זיי וועלן אלעס דארט פועל'ן.

פארנאכטס, צווישן מנחה און מעריב, האט דער ראש ישיבה שליט"א געגעבן א שיעור התחזקות, וואס מיינט תשובה, וואס מיינט "עד שיעיד עליו יודע תעלומות שלא ישוב לכסלה עוד", תשובה איז נאר צווישן דעם איד און דעם אייבערשטן, ווען א איד רעדט זיך דורך פריוואט מיט'ן אייבערשטן, ער זאגט אים אז ער וויל זיין וואויל און גוט נאר ער מוטשעט זיך מיט זיין שווערע יצר הרע, און ער בעט דעם אייבערשטן ער זאל זיין נאר ערליך און וואויל, איז דער אייבערשטער אים גלייך מוחל אויף אלעס, און ער גיבט אים אלע גוטע זאכן.

ביים שיעור איז אויך געווען א סיום אויף האלב ש"ס דורך הילד החשוב יודא'לע שעכטער נ"י פון ארץ ישראל, דער ראש ישיבה שליט"א האט מעורר געווען אז יעדער דארף זיך אויפוועקן פון דעם, אויב א אינגל פון צען יאר לערנט אזוי פלייסיג אין זיינע זייטיגע זמנים און ער קומט אן אזוי פיל, דארף יעדער זיך נעמען אין די הענט אריין און לערנען די הייליגע תורה.

### שאטל

די גבאים פונעם "רענט קאמפיין", און די "פלען איט רייט" רייזע אגענטור, האבן צוגעשטעלט א זייער נוצבארע סערוויס, עס איז געווען צוויי שאטל באסעס וואס האבן קורסירט צווישן דעם בנין פון היכל הקודש (וואס איז א האלבע שעה ווייט צו גיין צופיס) און דעם הייליגן ציון, דער שאטל איז אנגעגאנגען פיר און צוואנציג שעה ארום דעם זייגער אין די וואכן טעג, ווען יעדע פופצן מינוט איז געווען א באס סיי ביים ציון הק', און סיי ביים בנין היכל הקודש, מיט וואס דער עולם האט זיך מחיה געווען אנצוקומען גרינגערהייט צום הייליגן ציון וואו מען האט זיך אויסגעבעטן א גוט יאר.

### ליל זכור ברית

ליל זכור ברית אום 1:00 איז דער ציבור זיך צוזאם געקומען אין בית המדרש צו זאגן אינאיינעם סליחות וואס האט זיך געצויגן פאר צוויי שעה. דערנאך איז דער ציבור אריבער דעם ראש ישיבה שליט"א פאר פדיון נפש, און מען האט זיך אנגעווינטשן להכתב בכתיבה וחתימה טובה.

אינדערפרי נאך שחרית איז ווייטער געווען א גרויסער ציבור ביי פדיון נפש ביים ראש ישיבה שליט"א, דאס איז אויסער די טישלעך אין אומאן אין די אומגעגענט פונעם ציון הקדוש ביי וואס פילע טויזנטער האבן געגעבן פדיון נפש, וואס דאס געלט האט דער ראש ישיבה באשטימט מען זאל עס נוצן צו מפיץ זיין די עצות און חיזוק פון הייליגן רבי'ן איבער די וועלט.

ביים פארלערנען דעם שיעור גמרא ערב ראש השנה אינדערפרי, איז אויך פארגעקומען א סיום הש"ס פון הרה"ח מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו, וואס האט מסיים געווען ש"ס צום נײנטן מאל, אזוי ווי ער איז זוכה יעדעס יאר דורכצולערנען גאנץ ש"ס, און דאס איז געווען א שטארקע התעוררות פאר'ן ציבור צו זען ווי מ'קומט אן ווען מ'נוצט אויס די צייט, טראץ וואס מען איז פארנומען על המחי' ועל הכלכלה. ווי אויך איז געווען א סיום ד' חלקי שלחן ערוך דורך מו"ה יעקב הלל פארקאש הי"ו.

### התעוררות ביים ציון

די התעוררות וואס טוט זיך ביים הייליגן ציון איז נישט מעגליך צו באשרייבן פאר דער וואס איז נישט דארט געווען. פיר און צוואנציג שעה אין טאג איז דער הייליגער ציון באלאגערט פון אידן וואס קומען צום הייליגן ארט פון וואו טויזנטער תפילות ווערן געענטפערט. מען קומט אהין און מען גייט ווי אריין אין אן אנדערע וועלט, מען זעט נישט קיינעם און מען הערט נישט קיינעם, ביים ציון פון הייליגן רבי'ן זעט מען נאר דעם אייבערשטן, דאס הארץ עפענט זיך אויף, מען וויינט זיך אויס צום אייבערשטן, מען פועל'ט ישועות, און מען גייט ארויס מיט א לייכטע געמיט און פארזיכערט אז די תפילות זענען אנגענומען געווארן ביים אייבערשטן.

דער ראש ישיבה שליט"א איז געגאנגען מיט אנשי שלומינו צום ציון יעדן טאג גלייך אינדערפרי, אזוי אויךביידע טעג יום טוב האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א ארויסגעלאזט צום ציון פארטאגס תיכף נאכן פארלערנען דעם שיעור גמרא.

### ראש השנה ביים הייליגן רבי'ן

ראש השנה ביים זמן איז מען זיך צוזאם געקומען צו מנחה, דער ראש ישיבה שליט"א איז צוגעגאנגען צום לעצטן מנחה פון יאר וואס מ'האט געדאווענט מיט א שטארקע התעוררות. נאך מעריב איז דער עולם אריבער זיך אנווינטשן לשנה טובה ביים ראש ישיבה, וואס האט יעדן שיין אנגעווינטשן.

נאך א שיינע סעודה, האט זיך דער עולם געאיילט צו גיין שלאפן, כדי צו קענען אויפשטיין אינדערפרי פאר'ן עלות נישט צו פארשלאפן דעם מזל. 5:30 פארטאגס, נאך די מקוה, האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט דעם שיעור אין גמרא, און דערנאך האט מען זיך ארויסגעלאזט אינאיינעם צו גיין צום ציון, פארטאגס ווען ס'איז ליידיגער און מ'קען זיך אויסבעטן מיט מער ישוב הדעת.

אום אכט אזייגער האט מען זיך געשטעלט דאווענען, דער ראש ישיבה האט געדאווענט שחרית און מוסף, וואס איז געווען זייער שיין, די בארימטע כאר פון ישיבה אינאיינעם מיט די קינדער האבן זייער שיין מיטגעזינגען ביים דאווענען, עס האט געהערט גאר א גרויסע התעוררות אין שול ביי די תפלות, פילע הונדערטער אידן האבן זיך געשלעפט צום בנין היכל הקודש מיטצוהאלטן די הערליכע און התעוררות'דיגע דאווענען, וואס האט צועפנט די הערצער פון אלע מתפללים, און דאס וועט בלייבן איינגעקריצט ביי זיי פאר א לאנגע צייט.

מיר האבן געהאט די זכי' צו הערן שופר בלאזן פונעם ראש ישיבה שליט"א, פאר די תקיעות האט דער ראש ישיבה מעורר געווען אויסצונוצן די געהויבענע מינוטן ווי עס דארף צו זיין, בשעת מען בלאזט שופר צומישט מען די טענות פונעם שטן, און ער קען נישט מקטרג זיין, און דערפאר איז עס זייער א גוטע צייט וואס מ'קען בעטן דעם אייבערשטן וואס מ'וויל, און איבערבעטן דעם אייבערשטן. אויך האט דער ראש ישיבה זייער שטארק געבעטן אז קיינער זאל נישט פיינט האבן א צווייטן, מען זאל זיך זייער דערווייטערן פון מחלוקת, אפילו ווען מ'האלט אנדערש פון יענעם, דארף מען זיך נאך אלץ ליב האבן, דער ראש ישיבה שליט"א האט זייער אנגעווארעמט דעם ציבור אז ווער ס'האט א שווער הארץ אויף א צווייטן, איז יעצט די ריכטיגע צייט יעדן מוחל צו זיין, און אנהויבן א נייעם בלאט אין לעבן, צו זיין בשלום ושלוה מיט אלע אידישע קינדער. דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט די מעשה פון דעם אינגל וואס האט נישט געקענט קיין עברי, ער האט אבער אויך געוואלט דאווענען ווי יעדן איינעם, האט ער געפיפן מיט זיין פייפערל, און דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע האט געזאגט אז דאס האט אויפגעבראכן אלע טויערן אין הימל, מיר בלאזן שופר פאר'ן אייבערשטן און מיט דעם עפענען מיר די טויערן פאר אלע ישועות ורפואות.

נאכ'ן דאווענען איז געווען א שיינע סעודה, מען האט געזינגען שיינע ניגונים לכבוד יום טוב. נאך די סעודה איז מען געגאנגען אינאיינעם זאגן תשליך ביים וואסער.

נאכמיטאג האט מען געדאווענט מנחה, און דערנאך האט דער ראש ישיבה געזאגט א שיינע דרשה, צו וואס עס זענען געקומען צו גיין א גרויסער עולם. דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט איבער די גרויסקייט פון זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, ער האט נאכגעזאגט וואס מוהרא"ש פלעגט אלץ זאגן מיטל-נאכט, אז דער צווייטער טאג יו"ט איז שוין דינא רפיא, מ'איז שוין נישט אזוי אויסגעמוטשעט ווי מ'איז געווען ביים אנקומען קיין אומאן נאך א שווערע נסיעה, און דעריבער זאל מען זען אויסצונוצן דעם טאג מיט תפלות ותחנונים און פועל'ן א גוט געבענטשט יאר, דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט פון די לעצטע תורה וואס דער הייליגער רבי האט געזאגט אויף דער וועלט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן ח') אז כאטש מוסר זאגן איז א מצוה, איז נישט יעדער ראוי צו זאגן מוסר, נאר איינער וואס קען מוסר זאגן ווי משה רבינו האט געזאגט פאר די אידן נאכן עגל (גיטין ל"ו:) "עדיין חביבותא הוא גבן" "דער אייבערשטער האט ענק נאך אלץ ליב", דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט מיר זאלן קומען נעמען פון רבי'ן דעם חיזוק נאכאמאל אנצוהייבן פון פריש, און וויסן אז דער אייבערשטער ווארט אויף אונז און דארף אונזער עבודה. און אזוי ווייטער האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט דברי חיזוק והתעוררות מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן. דערנאך האט מען געדאווענט מעריב מיט גרויס התעוררות

נאך די געהויבענע סעודה האט איינער געפרעגט ווען גיין צום ציון ביינאכט, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ביינאכט איז נישט א פאסיגע צייט צו גיין צום ציון, ענדערש זאל מען זיך לייגן פרי, און גיין פארטאגס ווען ס'איז רואיג און ליידיגער.

כמעשהו בראשונה כך מעשהו בשניה, די זעלבע האט זיך איבערגע'חזר'ט ביים צווייטן טאג יום טוב, דער עולם האט מיטגעהאלטן די געהויבענע תפלות, תקיעות, סעודות, שיעורים, און דרשות. פאר'ן זמן האט דער ראש ישיבה ווידער געזאגט א דרשה, דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אויב איז מען געווען ביי אים ראש השנה דארף מען זיין פרייליך די גאנצע יאר, נישט האבן קיין בלבולים אויב מ'האט אלעס טאקע יוצא געווען די תיקון הכללי ביים ציון, אדער אנדערע ספיקות און בלבולים, נאר זיין פרייליך מיט דעם וואס מ'האט זוכה געווען צו זיין ביים הייליגן רבי'ן. יעדע קלייניקייט וואס מ'טוט איז זייער חשוב און טוט אויף גרויסע זאכן, התקרבות צום רבי'ן ווענדט זיך נאר אין וויפיל מ'לערנט דעם רבי'נ'ס ספרים און מ'פאלגט זיינע עצות און לימודים. ברסלב איז נישט נאך א חסידות, נאר דאס איז א וועג אין לעבן, וואס איז א גרינגע וועג צו ברענגען דעם איד צום אייבערשטן און אים געבן אלעס גוטס אין לעבן. דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אז ווען מ'פארט יעצט אהיים, מ'מיינט אז מ'וועט זיך קענען אביסל אויסרוען פונעם וועג, זאל מען וויסן אז די משפחה ווארט אינדערהיים פאר אונז, יעצט איז זייער צייט זיך אויסצורוען, און מ'דארף צולייגן א האנט און ארויסהעלפן אין שטוב.

ויום טוב היו עושים בצאתם בשלום מן הקודש, מוצאי יום טוב האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פייערליכע טענץ, מ'האט געדאנקט דעם אייבערשטן אויף די גרויסע זכי' אז מיר זענען געווען אין אומאן אויף ראש השנה, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף האט מען זיכער גע'פועל'ט א גוט געבענטשט יאר פאר זיך און פאר די גאנצע משפחה, און באקומען די אלע תיקונים וואס דער הייליגער רבי האט צוגעזאגט.

**מי שהיה אצלי על ראש השנה, ראוי לו לשמוח כל השנה!**

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# הערליכע ראש השנה ביים הייליגן רבי׳ן אין אומאן

די פענע איז צו ארעם און די שפראך איז צו קורץ צו קענען שילדערן דעם געהויבענעם יום טוב ראש השנה וואס איז אריבער אויף אנשי שלומינו אין אומאן דעם פארגאנגענעם ראש השנה. מיר וועלן בלויז פרובירן צו געבן א קורצע באריכט פון די הייליגע טעג.

פילע צענדליגע טויזנטער אידן האבן דורכגעבראכן אלע מניעות און שוועריקייטן און האבן זוכה געווען צו קומען צום הייליגן רבי׳ן קיין אומאן אויף ראש השנה, פון יעדן ווינקל פון איבער די גאנצע וועלט קומען אידן צו פארן צום הייליגן רבי׳ן, אויסצופאלגן זיין בקשה אז מ׳זאל קומען צו אים אויף ראש השנה, אויסצו׳פועל׳ן א זיס ליכטיג יאר, און אהיימצופארן מיט א ריינע נשמה און מיט פילע זעק מיט ישועות און רפואות פאר די גאנצע יאר.

דער ריזיגער ציבור האט זיך אויסגעשפרייט איבער גאנץ אומאן, פילע טויזנטער דירות, אכסניות, און האטעלן זענען געווארן איבערגעפילט מיט אידן אין לויף פון די טעג פאר ראש השנה; הונדערטער שולן און בתי מדרשים איבער גאנץ אומאן זענען געווען פול מיט אידן במשך דעם יום טוב וועלכע האבן זיך צוזאמגעקליבן צו דאווענען און אויסבעטן א גוט יאר; אבער דאס הארץ פון די פילע טויזנטער אידן זענען אלע געווען געוואנדן צו איין פלאץ, צום ציון הקדוש פון הייליגן רבי׳ן, וואס ער האט זיך אונטערגענומען צו זיין א מליץ יושר פאר די אלע וואס קומען צו אים אויף ראש השנה, אויסצו׳פועל׳ן פאר זיי א גוט געבענטשט יאר.

***בנין היכל הקודש אין אומאן***

אין די בלויז עטליכע יאר זייט דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אונטערגענומען דעם גרויסן פראיעקט פון צושטעלן א בנין רחבת ידים פאר אנשי שלומינו אין אומאן, און טראץ דעם וואס עס איז נאכנישט פולקאם פארטיג איז עס שוין קע"ה אויסגעוואקסן.

דער בנין וואס אנטהאלט אין זיך אלע געברויכן, א גרויסע בית המדרש, א קאך, מקוה מיט שויערס, און עטליכע שטאק מיט צענדליגע שלאף צימערן, געבט צו א געוואלד מיט הרחבת הדעת פאר אלע וואס קומען אהין, און איז ווייט אוועק פון די הו-הא פון די הויפט פושקינא גאס, און איז אויך שיין צוגעשטעלט פאר די טייערע קינדער וואס ווערן באגלייט דורך די גאנץ יעריגע געטרייע מלמדים.

די עסקנים האבן אריינגעלייגט גאר אסאך כח און צייט צוצושטעלן דעם בנין מיט אלע געברויכן. עס איז ב"ה געווען גענוג וואסער פאר די מקוה, שויערס און אלע געברויכן, די לעקטער איז ב"ה געווען אנגעצינדן במשך אלע טעג - מיט די הילף פון א גענעראטאר, עס איז געווען צוגעשטעלט פיינע פרישע געשמאקע סעודות צו דער זעט, די שלאף צימערן מיט די בעטן זענען געווען פיין און זויבער. דער בית המדרש איז געווען הערליך צוגעשטעלט ליכטיג און זויבער מיט הונדערטער זיץ פלעצער.

היי יאר האט מען בלית ברירה געגעסן די סעודות אין בית המדרש צוליב וואס דער עס-זאל איז געווען צר מלהכיל אריינצונעמען דעם ריזיגן ציבור וואס איז איינגעשטאנען אינעם בנין. עס קומט זיך א גרויסע הכרת הטוב פאר די עסקנים וואס האבן באוויזן צו פארוואנדלען דעם ביהמ"ד אין אן עס-זאל אין געציילטע מינוטן, און דערנאך צוריק אויפגערוימט דעם בית המדרש צו די תפילות.

***אומאן חדר***

אין די וואכן טעג אין אומאן איז געווען צוגעשטעלט א הערליכער חדר פאר אלע קינדער וואס זענען געקומען קיין אומאן אינעם בנין היכל הקודש, נאנט צו הונדערט קינדער זענען געווען אין די חדר, צעטיילט צווישן עטליכע חשובע מלמדים, די קינדער האבן אינאיינעם געדאווענט און געלערנט, און גלייכצייטיג זענען די קינדער געגאנגען יעדן טאג מיט די מלמדים צום ציון הקדוש צו זאגן אינאיינעם תיקון הכללי. אזוי אויך במשך דעם יום טוב זענען די קינדער געזעסן אין שול אינאיינעם מיט די מלמדים, און שיין געדאווענט מיט חשק און ברען. מוצאי יום טוב זענען די קינדער באלוינט געווארן מיט ווערדפולע מתנות, פאר׳ן אזוי שיין זיך אויפפירן במשך די גאנצע צייט אין אומאן.

***א שבת ביים הייליגן רבי׳ן***

רוב ציבור איז אנגעקומען קיין אומאן שוין פאר שבת. גלייך ביים אנקומען איז געווען צוגעשטעלט א פיינע סעודה, מיט וואס מ׳האט זיך מחי׳ געווען פונעם לאנגן וועג, דער עולם האט זיך מסדר געווען אינעם בנין, די מקוה איז שוין געווען אנגעווארעמט און גרייט פאר׳ן באנוץ, און פילע אידן האבן געכאפט א מקוה און גלייך אריבערגעלאפן צום ציון הקדוש, צו זאגן תיקון הכללי און זיך אויסבעטן אלעס גוטס.

עש"ק אינדערפרי, פאר שחרית, האט דער ראש ישיבה ווידער פארגעלערנט דעם טעגליכן שיעור גמרא, און נאך שחרית און פרישטאג האט דער עולם זיך ווידער אריבערגעכאפט צום ציון הקדוש. נאכמיטאג איז געווען צוגעגרייט א פיינע טועמי׳, און דער עולם האט זיך געגרייט צום הייליגן שבת.

עס איז אריבער א הערליכער שבת, מיט שיינע ווארימע תפילות, הונדערטער אידן האבן זיך געשלעפט איבער א האלבע שעה מיטצוהאלטן די תפלות. פרייטאג צו נאכטס נאכ׳ן דאווענען איז דער עולם אראפגעגאנגען אונטן צום עס-זאל וואו דער ראש ישיבה שליט"א האט געגעבן א שטיקל שיעור התחזקות, דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן אז מ׳זאל נישט מיינען אז דאס איז א נייער מנהג צו מאכן א שיעור פאר די סעודה פרייטאג צו נאכטס, פארקערט, נאכ׳ן דאווענען דארף מען גלייך אהיימגיין מאכן די סעודה, און די סעודה דארף זיין א פרייליכע און געשמאקע, אז די קינדער זאלן וועלן מיטהאלטן, נאר אזוי ווי מ׳דארף יעצט געבן אביסל צייט אנצוגרייטן דעם בית המדרש פאר די סעודה, וועט ער דערווייל רעדן אביסל פאר׳ן ציבור, אבער מ׳זאל אים גלייך קומען מעלדן ווען מ׳איז גרייט פאר די סעודה.

און דאן איז דער ראש ישיבה שליט"א אריין אין א שמועס איבער דעם וואס דער הייליגער רבי האט אונז אויסגעלערנט אז קיין יאוש איז גארנישט פארהאן, ארויסברענגנדיג אז א מענטש מיינט אז דאס האט גארנישט מיט אים, ער האט זיך נישט מייאש געווען, ער גייט אן אין לעבן געהעריג ווי עס דארף צו זיין, דער אמת איז אבער אז יאוש קען זיין אויך בלויז ביי איין פרט אין לעבן, איינער האט זיך מייאש געווען אז ער קען נישט לערנען, א צווייטער אז ער קען נישט צוריק האלטן פון כעס, אן אנדערער האט זיך מייאש געווען אז ער וועט שוין נישט האבן קיין שלום בית, און אזוי ווייטער האט יעדער א געוויסע פרט אין לעבן וואס אויף דעם האט ער שוין אויפגעגעבן אז ער וועט שוין נישט מצליח זיין, דער רבי האט אבער אויסגעשריגן אז יאוש איז גארנישט פארהאן, א איד טאר קיינמאל נישט אויפגעבן, אויב וועט מען זיין שטארק מיט תפלה, בעטן דעם אייבערשטן אז מ׳זאל יא מצליח זיין, וועט מען סוף כל סוף זען גאר גרויסע ישועות אין אלע ענינים.

דערנאך איז מען צוריק ארויף אין שול, וואו איז צוגעשטעלט געווארן א הערליכע סעודה לכבוד שבת קודש, און נאך די סעודה איז פארגעקומען די באטע, מען האט געזינגען אינאיינעם די זמירות שבת, און דערנאך האט מען געהערט דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט גערעדט פון די גרויסקייט פון קומען אויף אומאן, אבער דאס איז נישט גענוג זיך צו רופן א ברסלב׳ער חסיד, יעדער איד דארף קומען קיין אומאן, דער עיקר איז נאר צו נעמען די לימודים און עצות פון הייליגן רבי׳ן אויפ׳ן גאנצן יאר, און לעבן מיט דעם, מיט תפלה והתבודדות, מיט׳ן לערנען אויפ׳ן סדר דרך הלימוד, און אזוי ווייטער אלע לימודים פון הייליגן רבי׳ן, און מיט דעם קען מען זיך רופן אן אמת׳ער ברסלב׳ער חסיד.

שב"ק אינדערפרי נאכ׳ן דאווענען האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט סיפורי מעשיות (מעשה ח׳, דער רב און זיין בן יחיד), און צווישן אנדערע אויך ארומגערעדט אז יעדער זאל נעמען די מעשה פאר זיך אליין, צו צעברעכן אלע מניעות און קומען צום צדיק, און דאן וועט מען געהאלפן ווערן אין לעבן. דער ראש ישיבה שליט"א איז אריין אין א לענגערע שמועס פון שלום בית, זאגנדיג אז כאטש וואס מענטשן טראכטן אז דאס איז נישט קיין פאסיגע זאך פון וואס צו רעדן ביי א דרשה, אבער ביים רבי׳ן איז דאס געווען גאר א גרויסער יסוד, און דער עיקר איז צו געבן גוטע ווערטער אין שטוב, מאכן א פרייליכע אטמאספער אינדערהיים, און דאן האט מען א קלארע און ריינע מח, מ׳קען דינען דעם אייבערשטן ווי עס דארף צו זיין.

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה ווייטער מעורר געווען אז אויב קומט מען צום הייליגן רבי׳ן דארף מען פאלגן דעם רבי׳ן, רעדן יעדן טאג אפילו נאר אפאר ווערטער צום אייבערשטן. ווייטער האט ער מעורר געווען אויסצונוצן די צייט אין אומאן ווי עס דארף צו זיין, נישט צו פארברענגען דאס ביסל צייט וואס מ׳געפונט זיך אין אומאן, נאר לויפן צום הייליגן רבינ׳ס ציון, זיך מתוודה זיין און תשובה טון, און אריינקומען צום נייעם יאר מיט פרישע קבלות צו זיין נאר ערליך און וואויל. אפילו מ׳שפירט זיך אויסגעלאשן

<<<<<<


## עצתו אמונה אויף פּאָסט



סובסקרייבט אייך צו באקומען די "עצתו אמונה" יעדע וואך אויף די פאסט

פאר די ביליגע פרייז פון בלויז $2.99 א וואך

זייט אויך פון די גליקליכע וואס זענען זיך מחיה יעדע וואך מיט די פילע עצות און חיזוק אין לעבן

**718-387-2691 #3**

**subscribe@kerenhadfusa.org**

## עניני דיומא

**דרשות, שיעורי תורה, ניגונים, נוסח, מעשיות פאר קינדער, און נאך; אויף ראש השנה, יום כיפור, און סוכות**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >